**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מאיאריטעט פירער שומער און סענאטארשע דזשיליבראנד אנאנסירן באשטעטיגונג פון פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען אויף מזרח זייט פון פייער איילענד

***ארמיי איינהייט באשטעטיגט ניו יארק'ס פארלאנג פאר "עקסטרעמע שטורעם" באשטימונג***

***3.5 מיליאן דאלאר צו שטופן פאר פראיעקט אינדזשענירונג און דעזיין***

גאווערנער קעטי האקול, פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער און פאראייניגטע שטאטן סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האבן היינט אנאנסירט די באשטעטיגונג פון פעדעראלע געלטער דורך די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט צו פאראויס גיין מיט באדייטנדע פארעכטונגען פון א געשעדיגטער פראיעקט אויפן ברעגע פון פייער איילענד אין סופאָלק קאונטי נאכפאלגנדיג א סעריע פון חורבנות-אנזייענדע ברעגע שטורעמס. די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט האט צוגעטיילט 3.5 מיליאן דאלאר פאר איר ניו יארק דיסטריקט אפיס צו אונטערנעמען אינדזשענירונג און דעזיין פאר דעם פראיעקט. כדי צו פאראויס גיין מיט פאררעכטונגען, טוט די ניו יארק דיסטריקט אונטערנעמען א דעטאלירטע אונטערזוכונג פון די עקזיסטירנדע טאפאגראפישע אומשטענדן, אינדזשענירונג וואס איז וועזנטליך פאר די אינדזשענירונג און דעזיין פון דעם פראיעקט. ניו יארק סטעיט האט שוין אין די פארגאנגענהייט צוגעטיילט 3 מיליאן דאלאר פאר סופאָלק קאונטי פאר א צייטווייליגער פראיעקט צו רעדוצירן די סכנה פאר די מערסט עמפינדליכע פייער איילענד קאמיוניטיס אויף א באלדיגן פארנעם; דער צייטווייליגער פראיעקט דערנענטערט זיך צום פארענדיגונג.

"איך וועל טוהן אלעס וואס איך קען צו האלטן ניו יארקער זיכער, באזונדערס די קאמיוניטיס וואס זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו עקסטרעמע וועטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט אפטערע און שווערערע שטורעמס, טוט ניו יארק ארבעטן שווער צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס, הײמער און אינפראסטרוקטור. איך בין דאנקבאר פאר די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט פאר זייער פארשנעלערטע אנטווארט אויף אונזער פארלאנג פאר עמערדזשענסי פאררעכטונגען."

**פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט (U.S. Army Corps of Engineers, USACE) ניו יארק דיסטריקט קאמאנדיר, קאלאנעל אלעקס יאָנג, האט געזאגט,** "די USACE איז דערפרייט צו אונטערנעמען די קומענדיגע טריט אין דעם פראצעדור מיטן אנהויבן די אינדזשענירונג און דעזיין שטאפל אין פארבינדונג מיט עמערדזשענסי ברעגע פאררעכטונגען אויף די מזרח זייט פון פייער איילענד. איך וויל באדאנקען סענאטארן שומער און דזשיליבראנד, און אזוי אויך גאווערנער האקול און אונזערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, פאר זייער פארגעזעצטע שטיצע."

**פאראייניגטע שטאטן סענאט מאיאריטעט פירער, טשאַק שומער, האט געזאגט,** "איך האב זיך לעצטנס אוועקגעזעצט מיט קאלאנעל אלעקסאנדער יאַנג, דער ניו יארק דיסטריקט קאמאנדיר פון די ארמיי איינהייט, צו פארשטעלן די טענות אין שטיצע פון די היינטיגע גאר-נויטיגע אינוועסטירונג פון 3.5 מיליאן דאלאר אין דירעקטע הילף פאר די פייער איילענד קאמיוניטי און ברעגע וואס איז שווער באטראפן געווארן דורך לעצטיגע שטורעמס. דאס אויפרעכטן די זאמדן אויף פייער איילענד איז וויכטיג נישט נאר צו באשיצן אירע קאמיוניטיס, נאר אויך צו פארזיכערן די שטארקייט פון די אינזל, א מויער וואס באשיצט לאנג איילענד'ס געדיכט באוואוינטע דרום ברעג. דאס איז די סיבה פארוואס מיר האבן געארבעט מידאלזערהייט – צוזאמען מיט סענאטארשע דזשיליבראנד און גאווערנער האקול – צו פארזיכערן קריטישע עמערדזשענסי פאררעכטונגען אויף פייער איילענד צו אָושען בעי פארק ביז דעיוויס פארק. איך באדאנק די ארמיי אינדזשענירן איינהייט, באזונדערס די ניו יארק דיסטריקט, פאר זייער שנעלע אנטווארט צו מיין רוף און פאר זייער פארפליכטונג צו פארזעצן צו העלפן ווייטער. יעצט אז פעדעראלע געלטער פלוסן, וועט די דעזיין ארבעט זיך אנהויבן ערנסטערהייט צו ברענגען עמערדזשענסי אויפרעכטונג אונטערוועגנס ווי שנעלער מעגליך."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט האט באשטעטיגט ניו יארק'ס פארלאנג פאר פעדעראלע געלטער צו אדרעסירן די ברייטע שאדנס וואס מזרח פייער איילענד קאמיוניטיס זענען לעצטנס אריבער. אויפרעכטן די דרום ברעג פון לאנג איילענד איז איינס פון מיינע הויפט פריאריטעטן, און איך וועל פארזעצן צו העלפן פארזיכערן די פעדעראלע הילף וואס קאמיוניטיס דארפן."

פריער דאס יאר האט גאווערנער האקול אפיציעל פארלאנגט און אונטערגעיאגטע באשטעטיגונג פון די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס ( Department of Environmental Conservation, DEC) פארלאנג צו די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט פאר עמערדזשענסי פאררעכטונג הילף פאר די איינהייט'ס ברעגע שטורעם ריזיקע פארוואלטונג פראיעקט (Coastal Storm Risk Management Project) לענגאויס די מזרח חלק פון פייער איילענד אין סופאָלק קאונטי. דער פראיעקט איז געשעדיגט געווארן דורכאויס די שטורעמס האריקאן לי און טראפּישע שטורעם אָופיליע לעצטער סעפטעמבער און מער לעצטנס אין דעצעמבער 2023. [ניו יארק'ס איבערגעחזר'טע פארלאנגען](#) האבן געפירט צו די אנהויב פון א פראצעדור אונטער א פעדעראלער פראגראם, [PL 84-99](#), וואס לאזט די ארמיי איינהייט ארויסלאזן באדייטנדע פאררעכטונג געלטער צו פאררעכטן פראיעקטן וואס זענען געשעדיגט געווארן דורך שטורעמס וואס זענען באשטימט געווארן צו הייסן אן 'עקסטרעמע וועטער געשעעניש'.

די היינטיגע אנאנס קומט נאך די באשטימונג פון די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט אין יאנואר אז לעצטיגע עקסטרעמע ברעגע שטורעמס ערמעגליכן ערשטיגע בארעכטיגונג אונטער פובליק געזעץ 84-99. די באשטעטיגונג פון פינאנצירונג היינט וועט פירן צו די אנהויב פון באמיאונגען צו דורכפירן באפעסטיגונג און פאררעכטונג מאסנאמען אין מזרח פייער איילענד קאמיוניטיס, פון אָושען בעי פארק אויף מערב זייט, ביז טשערי גראָוו, פייער איילענד פיינס און דעיוויס פארק אויף מזרח.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "לאנג איילענד ברעגע קאמיוניטיס וועלן דירעקט בענעפיטירן פון די היינטיגע באשטימונג דורך די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט אזוי ווי ניו יארק סטעיט זעצט פאר אירע ארומנעמיגע באמיאונגען צו באשיצן קאמיוניטיס קעגן קלימאט טויש-פאראורזאכטע עקסטרעמע וועטער געשעענישן. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, טוט ניו יארק סטעיט ארבעטן מיט אונזערע לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע שותפים, אריינרעכענענדיג די ארמיי איינהייט און ניו יארק'ס קאנגרעסלייט, צו שטופן פאר ערהוילונג נאך שטורעמס און זיך צו גרייטן פאר צוקונפטיגע קלימאט-געטריבענע וועטער און פארפלייצונגען."

**סופאָלק קאונטי עקזעקיוטיוו, עד ראָומעין, האט געזאגט,** "נאר דורך די שותפות צווישן אלע שטאפלען פון רעגירונג קענען מיר אדרעסירן די קריטישע אנגעלעגנהייט. סופאָלק קאונטי איז דאנקבאר פאר די הילף און שטיצע אין אונזערע באמיאונגען צו היטן אונזערע ברעגעס."

אין יאנואר האט [גאווערנער האקול אנאנסירט נאך סטעיט פינאנצירונג](#) צו שטיצן קריטישע באפעסטיגונג פראיעקטן צו סטאביליזירן קאמיוניטיס און אויפרעכטן באטראפענע ברעגעס לענגאויס לאנג איילענד'ס דרום ברעג, ארייננרעכענענדיג פייער איילענד און דזשילגאָו סטעיט פארק און די טאון אָוו בעבילאָן. ניו יארק סטעיט ארבעט אויך בשותפות מיט סופאָלק קאונטי – און זי האט צוגעשטעלט 3 מיליאן דאלאר – צו שטיצן א צייטווייליגע זאמד זעקל פראיעקט אויף מזרח פייער איילענד קאמיוניטיס; די צייטווייליגע אונטערנעמונג דערנענטערט זיך צום פארענדיגונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן